# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**

**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



פרשת חקת

תשפ"ה לפ"ק

גליון ח'

## שאלה

**פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט אז מיר זאלן האבן אזויפיל מותרות וואס איז נישט וויכטיג, ווען דאס אלעס טוט באמת האלטן דעם מענטש פארנומען מיט נישט וויכטיגע זאכן?**

## ענטפער:

הקב"ה וויל אונז אויספראוואון און ער גיבט אונז געלעגנהייטן צו פארפאטשקען אונזער לעבן. די מענטשהייט איז אריינגעלייגט געווארן אין דער וועלט כדי צו ווערן געשטעלט פאר א נסיון. און עס איז נישט דא קיין אנדערע וועג.

יעצט, עס איז דא צוויי סארט נסיונות. די ערשטע איז צו זעהן אויב דו גייסט טון עפעס וואס איז קעגן די באפעלן אדער גייסט פון די תורה. דאס איז איין נסיון.

אבער עס איז דא א צווייטע נסיון, א נסיון וואס אסאך מענטשן זענען אומבאוואוסטזיניג צו דעם. און דאס איז צו דו גייסט לאזן דיין לעבן דורכגיין אן אויפטון עפעס. אט דער צווייטער נסיון איז מער קריטיש ווי דער ערשטער. אויב א מענטש טוט אן עבירה, קען ער תשובה טון. אפילו אין גיהנום, וועט מען האבן די געלעגנהייט צו ווערן מכופר. אן עבירה קען פארראכטן ווערן.

אבער אויב א מענטש פארפעלט אויפצוטון, אויף דעם קען מען קיינמאל נישט תשובה טון. "מעוות לא יוכל לתקון" – עס איז א פארקרומטע זאך וואס קען קיינמאל נישט ווערן פארראכטן" (קהלת א, טו). נישט אויפצוטון, דאס איז א געלעגנהייט וואס גייט פארלוירן אויף אייביג. דו קענסט קיינמאל נישט צוריקברענגען די געלעגנהייט אויפצוטון, אויב דו פארפעלסט עס צו טון אויף דער וועלט. דו קענסט נישט ווערן מכופר פאר'ן נישט אויפטון. גיהנום וועט דיר נישט געבן קיין מצות. עס וועט בלויז אפוואשן די פלעקן פון עבירות וואס דו האסט געטון אין דער וועלט. אבער עס וועט דיר נאכנישט געבן קיין שום סיבה צו גיין אין גן עדן. אנצוקומען אין עולם הבא מוזטו קומען מיט עפעס אויפטוען, דו מוזט האבן פאזיטיווע דערגרייכונגען.

יעצט, דער אויבערשטער מאכט דעם גרויסן נסיון פון אויפטון נאך מער שווער, דורכ'ן אונז געבן אסאך צו טון. דאס איז א חלק פונעם נסיון. איז ווען דו זעהסט א פלאץ וואו מען פארקויפט קליינע שיפלעך, ציעט עס דיר, און דו טראכסט פון גיין שיפלען אויפ'ן וואסער יעדן זונטאג, אדער גיין כאפן פיש. עס איז גארנישט שלעכט; עס איז נישט קיין עבירה צו גיין 'פישינג'. אבער עס איז א וועג פון רואינירן דיין לעבן. עס איז א גענצליכע רואינירונג. דו האסט איין טאג אין די וואך איסער שבת ווען דו קענסט עפעס אויפטון, און דו זיצט אין א שיפל, אוועק 'פישנדיג' דיין לעבן. דו פארפאטשקעסט דיין לעבן. דו ווילסט מאכן איבונגען?! נעם א שפאציר אויף א שעה, און דאן נוץ אויס די איבריגע חלק טאג. עס איז דא אזויפיל צו טון!

איז הקב"ה גיבט פאר מענטשן פלעצער צו גיין, שפילערייען, און ארומפארן. וועגן דעם זענען אלע טרעוול-געשעפטן פארנומען דיר צו פארקויפן גארבעדזש. דאס איז וואס א רייזע-טיקעט איז – גארבעדזש. עס איז גארנישט; בלויז א לעבן פארשווענדונג. עס איז בלויז א נסיון. אפילו פארן קיין ארץ ישראל אהין-און-צוריק, אהין-און-צוריק, אהין-און-צוריק. ווער דארף דיר דארטן?! דו פארפאטשקעסט די ווערדפולע צייט וואס השי"ת האט דיר צוגעטיילט.

היינט צו טאגס איז יעדער 'ביזי'. מען לויפט ארום פון איין פלאץ צום צווייטן, און מען פאלט דורך אין דעם גרויסן נסיון. ווייל פארפאטשקען דיין צייט איז די גרעסטע זינד וואס א מענטש קען טון, ווייל דו וועסט קיינמאל נישט באקומען נאך א שאנס. לעולמי עד איז דאס דיין איין איינציגע געלעגנהייט צו מאכן עפעס פון זיך. און דעריבער, ווען דו הארגעסט אפ דיין צייט, הארגעסטו זיך אליינס.

איז הקב"ה גיבט דיר איין געלעגנהייט נאכן אנדערן. און זיי זענען אלע נסיונות. ער ברענגט אריין מער און מער זאכן; טעלעוויזיע, קארס ארומצופארן אין די זונטאגס, פיש-כאפערס און 'בעיסבול'. און אפילו שבת, בטל'ן מענטשן אוועק. זיי ליינען צייטונגען, זיצן, בטל'ן און רעדן, און פארפאטשקען זייער לעבן.

די גרעסטע ווייטאג איז ווען דאס לעבן גייט דורך און מען האט גארנישט אויפגעטון. טראצדעם וואס הקב"ה גיבט אונז גאר אסאך תענוגים אין דער וועלט, זענען מיר נישט דא בלויז זיך ארומצודרייען גליקליך. דאס איז נישט די דערגרייכונג אין לעבן. די דערגרייכונג אין דער וועלט איז ווען דו מאכסט פארשריט אין ידיעת השם, אין באוואוסטזיניגקייט אין אים, אין טראכטן אזוי ווי אים. און דו דארפסט לערנען וויאזוי אנצוקומען דערצו. דורכ'ן לערנען תורה קומסטו זיכער נענטער צו דעם ציל, אבער מיין נישט אז דאס איז גענוג. דו מוזט וויסן וויאזוי צו לערנען תורה.

די דערגרייכונג פון יראת שמים, פון אמונה, פון גלייבן און זיין באוואוסטזיניג אין אים, פון אייביג זיין דאנקבאר צו אים – איז א זייער זייער וויכטיגע פונקציע. און דו קענסט זיך נישט ארויסדרייען פון דעם. די צייט וועט קומען, ווען אונזערע טעג וועלן זיך ענדיגן, און מיר וועלן שטיין בייים בית דין של מעלה, און מען וועט אונז פרעגן, "האסטו עוסק געווען אין דעם לימוד? האסטו געלערנט וועגן מיר? האסטו אויסגענוצט די מתנה פון בחירה חפשיות ווען דו האסטו געהאט פאר דיר אזא וואונדערליכע וועלט פון לעקציעס, לעקציעס אין די הימל, לעקציעס אויף דער ערד, און לעקציעס אין די תורה. האסטו זיי אויסגענוצט?"

וועסטו זאגן "איך בין געווען פארנומען ארומצודרייווען מיין משפחה אין די קאר. אויף וואקאציע בין איך געווען אין קאנטרי, און איך האב געטון דאס און יענץ. איך בין ארומגעפארן, איך בין געווען אויפ'ן טעלעפאן, און איך האב נישט געהאט קיין צייט." ער האט נישט געהאט קיין צייט אויסצונוצן זיין לעבן ריכטיג! ער האט פארפאטשקעט זיין צייט אין דער וועלט מיט אלע מותרות און לוקסוס וואס איז געווען צוגעשטעלט פאר אים.

און אויב אזוי איז א בעל עבירה נאך וויניגער רחמנות פון א מענטש וואס האט פארשפילט זיין לעבן. ווייל דער מענטש וואס האט פארטאלעכוועט די געלעגנהייט פון לעבן – ער איז געווען צו 'ביזי' צו קענען עפעס אויפטון – ער איז דער ריכטיגער דורכפאל. און דאס איז דער ענטפער אויף רוב פון די איסטערפונגען און לוקסוס וואס מיר האבן היינט. אפילו די טעלעפאן איז א גלארייכע וועג צו פארפאטשקען דיין לעבן. דו ווערסט איספרובירט. וועט דיין לעבן דורכגיין און איין טאג וועסטו זיך כאפן אז דו טוסט גארנישט אויף? עס וועט זיין א שרעקליכע ווייטאג. און עס וועט שוין זיין צו שפעט. דערפאר, אויב דו דארפסט א הסבר אויף די פילע שוואוילטאגן פון די מאדערנע לעבן, דאס איז איינע פון די ענטפערס.

**שאלה**

## צי דארפן מיר נישט מתפלל זיין אז די רשעים זאלן תשובה טון? פארוואס זאגן מיר "ולמלשינים" דריי מאל א טאג, און מיר בעטן פאר זייער טויט?

**ענטפער:**

הער אויס. דא איז דא א אידישער אפיקורס וואס לויפט דיר נאך מיט א שטעקן. ער וויל דיר קלאפן אין קאפ דערמיט. איז דו פרעגסט מיר צו דו זאלסט דאווענען צו השי"ת אז ער זאל טון תשובה?! אפשר. אבער דו האסט נישט יעצט קיין צייט. קודם זאל ער אראפפאלן טויט. דאס איז וואס דו ווילסט.

דאס איז פארוואס מיר זאגן "מהרה" דריי מאל אין די ברכה פון ולמלשינים – מהרה, מהרה, מהרה! אין קיין שום תפלה טרעפן מיר נישט אז מיר זאלן זאגן אזויפיל מאל מהרה ווי אין די ברכה. וויבאלד אן אפיקורס איז שעדליך. זיי זענען א סכנה פאר אונז. איז טראצדעם וואס מיר ווילן אז זיי זאלן טון תשובה, זאלן זיי בעסער תשובה טון שנעל. ווייל אז נישט זאלן זיי געהארגעט ווערן בעפאר זיי טוען עפעס שלעכטס צו אונז. און די אפעקט וואס זיי האבן אויף אונזער מחשבה איז זייער שלעכט. "מכל משמר נצור לבך" – מער פון סיי-וואס, היט דיין מחשבה. איז זיי זאלן בעסער טון תשובה ווי שנעלער.

איך בין דורכגעגאנגען א מיסיאנער אויף קינגס-הייוועי – א אידישער מיסיאנער זיצט אויף קינגס-הייוועי און טיילט זיין ליטעראטור. בין איך אים אריבערגעגאנגען און געזאגט "ריבונו של עולם, ער זאל טון תשובה, אבער ביז דערווייל זאל ער כאפן א פגירה."

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com